ב"ה

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# שַׁאֲלוֹת און יְדִיעוֹת

אוֹיף

## פַּרְשַׁת וָאֵרָא

נאמען ____________________ ני"ו

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

כיתה ג' (א) הר"ר הערשל גראס הי"ו

# שאלות אויף פרשת וארא

**א. פון וועלכע פסוק נעמען מיר אַ רמז אויף די פיר כוסות ?**

והוצאתי – והצלתי – וגאלתי - ולקחתי.

**ב. פארוואָס פירן מיר זיך צו אנגיסן אַ כוס של אליהו? און פארוואָס רופן מיר דאָס כוס של אליהו?**

ווייל ס'שטייט אויך והבאתי – מיר וייסן נישט זיכער אויב מען דארף עס טרינקען נאר ווען משיח וועט קומען וועט אליהו אונז זאגן אויב מען דארף אויך אַ פינפטע כוס.

**ג. האבן די מכות געהאַט אַ טעם פארוואָס מ'האט זיי דווקא מיט זיי געשלאגן ? (למשל בלוט - צפרדע וכדומה)**

יעדע מכה איז געווען מדה כנגד מדה.

**ד. וואס איז די מדה כנגד מדה פון דם ?**

ווייל די מצריים האבן נישט געלאזט די אידן טרינקען וואסער פון די טייכן, נאר פון די ביסל וואס זיי האבן געגעבן

**ה. וואס איז די מדה כנגד מדה פון צפרדע ?**

ווייל פרעה האט געזאגט אז עס שטערט איהם ווען אידן דאווענען עס גראגערט איהם אין קאפ.

**ו. וואס איז די מדה כנגד מדה פון כינים ?**

ווייל מ'האָט געפייניגט עלטערע אידן זאלן ריין מאכן די גאסן און ס'האט געמאכט שטויב און געברענגט פיל כינים

**ז. וואס איז די מדה כנגד מדה פון ערוב ?**

ווייל זיי האבן געשיקט אידן זאלן פאנגען חיות רעות.

**ח. וואס איז די מדה כנגד מדה פון דבר ?**

ווייל זיי פלעגן נעמען אידן זאלן טוהן די ארבעט פון די בהמות, זיי האבן חס געווען אויף די בהמות.

**ט. וואס איז די מדה כנגד מדה פון שחין ?**

ווייל זיי האבן נישט געלאזט אידן זיך אפוואשן נאך דעם שווערע ארבעט ווען זיי האבן געשוויצט.

**י. וואס איז די מדה כנגד מדה פון ברד ?**

ווייל זיי האבן געפייניגט די אידן זאלן איינפלאנצן און גוט מאכן די וויינגערטענער און כדומה.

*אַ גוט שבת*

***המלמד***

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

כיתה ג' (ב) הר"ר מנשה ברוך קליין הי"ו

# שאלות לפרשת וארא

**א. למה דיבר הקב"ה אל משה רבינו קשות ? וכיצד מדייק זאת רש"י ?**

משום שהקשה לדבר ולומר "למה הרעות לעם הזה". ורש"י מדייק זאת מהלשון "וידבר אלוקים" הרומז למידת הדין.

**ב. כיצד נדרשות המילים "אני ה'" ?**

כשהן כתובות אצל עונש הוא נאמן להיפרע. וכשהן כתובות אצל קיום המצוות הוא נאמן ליתן שכר.

**ג. מה הן לשונות הגאולה הנרמזות כאן ? ומה קבעו חז"ל בליל הסדר על יסוד זה ?**

א) והוצאתי אתכם, ב) והצלתי אתכם, ג) וגאלתי אתכם, ד) ולקחתי אתכם. ולכן קבעו חז"ל חיוב לשתות ד' כוסות בליל הסדר ע"ש ד' לשונות של גאולה, וכוס של אליהו הנביא מכוון כנגד "והבאתי אתכם".

**ד. מדוע לא שמו בני ישראל לב לדברי משה ?**

מחמת קוצר רוח שהיה להם מקושי השיעבוד.

**ה. מה אמר משה להקב"ה כששלח אותו לפרעה ? ומה ענה לו הקב"ה ?**

מה ישראל ששליחות זו הוא לטובתם אף על פי כן לא רצו לשמוע אלי, פרעה שהשליחות הוא לרעתו על אחת כמה וכמה שלא ישמע אלי, וכן אני ערל שפתים. והקב"ה ענה לו שיצרף עמו את אהרן.

**ו. מי מהשבטים האריך ימים על כולם ?**

לוי האריך ימים על כולם ואחרי פטירתו התחיל השיעבוד.

**ז. מה היתה יוכבד לעמרם ?**

יוכבד היתה אשתו ודודתו של עמרם.

**ח. מנין אנו למדים שמשה ואהרן היו שוים זה לזה בחשיבותם ?**

כי יש מקומות שהכתוב מקדים את אהרן למשה, ויש מקומות שהכתוב מקדים את משה לאהרן.

**ט. למה הכביד השי"ת את לב פרעה ?**

להרבות אותותיו ומופתיו כדי שיתגדל שמו.

*אַ גוט שבת*

***המלמד***

בס"ד


# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק


### פַּרְשַׁת וָאֵרָא

# אַ תּוֹרָה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

## הִנֵּה יַד ה' הוֹיָה בְּמִקְנְךָ:

פַארְוואס נָאר בֵּיי מַכַּת דֶבֶר שְׁטֵייט יַד ה', אַנְדֶערֶע מַכּוֹת זֶענֶען דָאךְ אוֹיךְ גֶעוֶועהְן יַד ה' - דֶער תֵּירוּץ אִיז - אִין דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק פוּן פַּרְשַׁת שְׁמוֹת שְׁטֵייט צְוֵויי מָאהְל דֶעם וָוארְט יַד, כִּי בְּיָד חֲזָקָה... וּבְיָד חֲזָקָה, דָא אִיז מְרוּמָז דִי צֶעהְן מַכּוֹת - דִי צֶעהְן פִינְגֶערְס פוּן בֵּיידֶע הֶענְט (אֶצְבַּע אֱלֹקִים) וֶועגְן דֶעם שְׁטֵייט בֵּיי מַכַּת דֶבֶר הִנֵה יַד ה' סְ'אִיז דֶער פִינֶעפְטֶע מַכָּה אִיז עֶס שׁוֹין אֵיין הַאנְט.

## וּמָלְאוּ בָּתֵּי מִצְרַיִם אֶת הֶעָרֹב וְגַם הָאֲדָמָה אֲשֶׁר הֵם עָלֶיהָ:

וָואס הָאט אוֹיסְגֶעפֶעלְט דֶער עֶרְד זָאל מִיטקוּמֶען, עֶנְטְפֶערְט דֶער גְרָ"א זַ"ל, אַז סְ'אִיז דָא אַ חַיָה מִיטְן נָאמֶען יַדְעוֹנִי וָואס אִיז צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דֶער עֶרְד עֶר וֶוערְט גֶעשְׁפֵּייזְט דוּרְךְ דֶעם שְׁטֶענְדִיג.

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק


בס״ד

## פַּרְשַׁת וָאֵרָא

# שְׁרֵייבּ אַרֵיין דִי אוֹת פוּן דִי וָואְרט בֵּיי זֵיין טֵייטְשׁ

| | | | |
|---|---|---|---|
| א | וָאֵרָא | | אַ יְרוּשָׁה |
| ב | לֹא נוֹדַעְתִּי | | אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק |
| ג | הֲקִמֹתִי | | אוּן אִיךְ הָאבּ מִיךְ בַּאווִיזְן |
| ד | מְגֻרֵיהֶם | | אוּן עֶטְץ וֶועטְס וִויסְן |
| ה | אֲשֶׁר גָּרוּ | | אוּן פוּן דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט |
| ו | אֶת נַאֲקַת | | בִּין אִיךְ נִישְׁט בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן |
| ז | מַעֲבִדִים אֹתָם | | דִי גֶעשְׁרֵיי |
| ח | וָאֶזְכֹּר | | הָאבּ אִיךְ אוּיפְגֶעשְׁטֶעלְט |
| ט | לָכֵן | | וָואס אִיךְ הָאבּ אוּיפְגֶעהוֹיבְּן |
| י | מִתַּחַת סִבְלֹת | | וָואס הָאט עֶנְק אַרוֹיס גֶענוּמֶען |
| יא | מֵעֲבֹדָתָם | | וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעווּאוֹינְט |
| יב | וִידַעְתֶּם | | וֶועגְן דֶעם |
| יג | הַמּוֹצִיא אֶתְכֶם | | מַאכְן זֵיי אַרְבֶּעטְן |
| יד | אֲשֶׁר נָשָׂאתִי | | פוּן אוּנְטֶער דִי שְׁוֶוערֶע לַאסְט |
| טו | מוֹרָשָׁה | | פוּן זֵייעֶר אַרְבֶּעט |
| טז | מִקֹּצֶר רוּחַ | | פוּן זֵייעֶרֶע וואוֹינוּנְגֶען |
| יז | וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה | | פוּנֶעם קוּרְצְן אָטֶעם |

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

נעם ארום די ריכטיגע

# וועלעכע מכה ?

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| איז געמאכט געווארן דורך אהרן ? | דָּם | צְפַרְדֵּעַ | כִּנִּים | עָרוֹב | דֶּבֶר | שְׁחִין | בָּרָד |
| האט אהרן געשלאגן די ערד? | דָּם | צְפַרְדֵּעַ | כִּנִּים | עָרוֹב | דֶּבֶר | שְׁחִין | בָּרָד |
| זענען זיי אריין אין די אויווענעס? | דָּם | צְפַרְדֵּעַ | כִּנִּים | עָרוֹב | דֶּבֶר | שְׁחִין | בָּרָד |
| האבן די חיות פארציקט די מצרים? | דָּם | צְפַרְדֵּעַ | כִּנִּים | עָרוֹב | דֶּבֶר | שְׁחִין | בָּרָד |
| האט די טייך נילוס געהאט נישט א גוטע ריח? | דָּם | צְפַרְדֵּעַ | כִּנִּים | עָרוֹב | דֶּבֶר | שְׁחִין | בָּרָד |
| איז די דריטע מכה? | דָּם | צְפַרְדֵּעַ | כִּנִּים | עָרוֹב | דֶּבֶר | שְׁחִין | בָּרָד |
| איז געווען קולות? | דָּם | צְפַרְדֵּעַ | כִּנִּים | עָרוֹב | דֶּבֶר | שְׁחִין | בָּרָד |
| זענען די פיש פון ים געשטארבן? | דָּם | צְפַרְדֵּעַ | כִּנִּים | עָרוֹב | דֶּבֶר | שְׁחִין | בָּרָד |
| זענען די בהמות פון די חצרים געשטארבן? | דָּם | צְפַרְדֵּעַ | כִּנִּים | עָרוֹב | דֶּבֶר | שְׁחִין | בָּרָד |

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

נֶעם אַרוּם דִי רִיכְטִיגֶע

# וֶועלֶעכֶע מַכָּה ?

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| הָאט מֶען גֶעזֶעהְן וואו ס'עֶנְדִיגְט זִיךְ דִי גְרֶעניִצְן פוּן מִצְרַיִם? | דָּם | צְפַרְדֵּעַ | כִּנִּים | עָרוֹב | דֶּבֶר | שְׁחִין | בָּרָד |
| הָאבְּן דִי פֵייעֶר מִיט דִי וַואסֶער שָׁלוֹם גֶעמַאכְט? | דָּם | צְפַרְדֵּעַ | כִּנִּים | עָרוֹב | דֶּבֶר | שְׁחִין | בָּרָד |
| זֶענֶען דִי אִידְן רֵייךְ גֶעוָוארְן ? | דָּם | צְפַרְדֵּעַ | כִּנִּים | עָרוֹב | דֶּבֶר | שְׁחִין | בָּרָד |
| הָאבְּן זִיךְ דִי מִצְרַיִים גֶעקְרַאצְט? | דָּם | צְפַרְדֵּעַ | כִּנִּים | עָרוֹב | דֶּבֶר | שְׁחִין | בָּרָד |
| זֶענֶען גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן דִי גֶעטְשְׁקֶע פוּן דִי מִצְרַיִים ? | דָּם | צְפַרְדֵּעַ | כִּנִּים | עָרוֹב | דֶּבֶר | שְׁחִין | בָּרָד |
| אִיז דִי זֶעקְסְטֶע מַכָּה ? | דָּם | צְפַרְדֵּעַ | כִּנִּים | עָרוֹב | דֶּבֶר | שְׁחִין | בָּרָד |
| הָאט אַהֲרֹן גֶעשְׁלָאגְן דִי וַואסֶער ? | דָּם | צְפַרְדֵּעַ | כִּנִּים | עָרוֹב | דֶּבֶר | שְׁחִין | בָּרָד |
| אִיז גֶעוָוארְן שְׁטוֹיב פוּן קוֹילְן ? | דָּם | צְפַרְדֵּעַ | כִּנִּים | עָרוֹב | דֶּבֶר | שְׁחִין | בָּרָד |

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א
קרית יואל - בני ברק

## פַּרְשַׁת וָאֵרָא

# מֶדְרָשִׁים אוֹיף דִי פַּרְשֶׁה

דִי צֶעהְן מַכּוֹת אִיז גֶעווען מִדָה כְּנֶגֶד מִדָה, דֶער רַבֵּינוּ בְּחַיֵי שְׁרֵייבְּט: דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט שְׁטֶענְדִיג פַּאר אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף אַלֶע זֵיינֶע מַעֲשִׂים מִדָה כְּנֶגֶד מִדָה, אוֹיךְ דִי מִצְרִַים זֶענֶען גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן מִיט דִי 10 מַכּוֹת מִדָה כְּנֶגֶד מִדָה.

## מַכַּת דָם

אִין מִצְרַיִם רֶעגְנְט קֵיינְמָאל נִישְׁט. אַלֶע וַואסֶער וָואס מֶען נוּצְט אִין גַאנְצְן לַאנְד מִצְרַיִם וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּנֶעם נִילוּס, מֶען הָאט גֶעדַארְפְט בְּרֶענְגֶען גְרוֹיסֶע כֵּלִים אָנְגֶעפוּלְט מִיט וַואסֶער פַאר אַלֶע וַואסֶער גֶעבְּרוֹיכְן. הָאבְּן דִי מִצְרַיִם גֶעצְוְוינְגֶען דִי אִידְן צוּ שְׁלֶעפְּן שְׁוֶוערֶע קַאנֶעס מִיט וַואסֶער אִין שְׁטָאט אַרֵיין. דֶערְפַאר הָאט דער אֵייבִּישְׁטֶער גֶעמַאכְט אַז דֶער טַייךְ זָאל וֶוערְן בְּלוּט.

## מַכַּת צְפַרְדֵעַ

דִי מִצְרַיִם הָאבְּן אוֹיפְגֶעוֶועקְט דִי אִידְן אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, אוּן אַרוֹיס גֶעשְׁלֶעפְּט פוּן בֶּעט אַז זֵיי זָאלְן גֵיין אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוערֶע

אַרְבֶּעט. דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעדְ גֶעקְרֶעכְצְט אוּן גֶעקְוִויטְשֶׁעט פוּן גְרוֹיס וֵוייטָאג, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג גֶעמַאכְט דֶערְפוּן, דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער גֶעשִׁיקְט צְפַרְדְעִים אִין דִי שְׁטוּבֶּער אוּן אִין דִי בֶּעטְן פוּן דִי מִצְרִיִים, אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען שְׁלָאפְן. אוֹיךְ זֶענֶען דִי פְרֶעשְׁ אַרַיין אִין דִי גֶעדֶערִים פוּן דִי מִצְרִיִים אוּן פוּן דָארְט אַרוֹיס גֶעקְוִויטְשֶׁעט אוּן זֵיי נִישְׁט גֶעלָאזְט קֵיין מְנוּחָה.

## מַכַּת כִּנִּים

דִי מִצְרִיִים הָאבְּן דֶערְנִידֶערְט דִי אִידְן אוּן זֵיי נִישְׁט גֶעלָאזְט זִיךְ וַואשְׁן, כְּדֵי זֵיי זָאלְן בְּלֵייבְּן שְׁמוּצִיג, זֶענֶען דִי אִידְן פוּל גֶעוָוארְן מִיט לֵייז. דֶערְפַאר הָאט זֵיי דֶער אֵייבִּישְׁטֶער גֶעשִׁיקְט דִי לֵייז.

## מַכַּת עָרוֹב

דִי מִצְרִיִים הָאבְּן גֶעהֵייסְן דִי אִידְן צוּ גֵיין אִין וַואלְד פַאנְגֶען חַיוֹת ווִי בֶּערְן אוּן לֵייבְּן א.ד.ג. כְּדֵי דִי אִידְן זָאלְן צוּבִּיסְן וֶוערְן פוּן זֵיי. דֶערְפַאר הָאט זֵיי דֶער אֵייבִּישְׁטֶער גֶעשִׁיקְט אוֹיף דִי מִצְרִיִים אַלֶע מִינֵי סָארְטְן ווִילְדֶע חַיוֹת.

## מַכַּת דֶבֶר

דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמוּזְט פַּאשֶׁען דִי בְּהֵמוֹת פַאר דִי מִצְרִיִם, הָאט זֵיי דֶער אֵייבִּישְׁטֶער בַּאשְׁטְרָאפְט אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעהַרְגֶעט זֵייעֶרֶע בְּהֵמוֹת.

## מַכַּת שְׁחִין

דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמוּזְט וַוארֶעמֶען וַואסֶער אוּן עֶס שְׁלֶעפְּן פַאר דִי מִצְרִיִם זֵיי זָאלְן זִיךְ דֶערְמִיט וַואשְׁן אִין מֶרְחָץ. דֶערְפַאר זֶענֶען דִי מִצְרִיִם פוּל גֶעוָוארְן מִיט בְּלָאטֶערְן זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען וַואשְׁן, נִישְׁט מִיט וַוארֶעם וַואסֶער אוּן נִישְׁט מִיט קַאלְטֶע וַואסֶער וַוייל דִי בְּלָאטֶערְן הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעצִיפְּט וֶוען סְ'הָאט אָנְגֶערִירְט וַואסֶער.

## מַכַּת בָּרָד

דִי מִצְרִיִם הָאבְּן גֶעוָוארְפְן שְׁטֵיינֶער אוֹיף דִי אִידְן הָאט זֵיי דֶער אֵייבִּישְׁטֶער בַּאשְׁטְרָאפְט מִיטְן וַוארְפְן שְׁטֵיינֶער פוּן הִימְל.

בס״ד


תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

קרית יואל - בני ברק


# פַּרְשַׁת וָאֵרָא

## פוּן וועלְעכֶע פָּסוּק זֶעט מֶען?

פסוק: [ ]

**אַז** דֶער אֵייבִּישְׁטֶער הָאט זִיךְ בַּאוִויזְן צוּ אוּנְזֶערֶע אָבוֹת.........

פסוק: [ ]

**אַז** דֶער אֵייבִּישְׁטֶער הָאט נִישְׁט בַּאקַאנְט זַיין נָאמֶען פַאר דִי אָבוֹת.........

פסוק: [ ]

**אַז** דֶער אֵייבִּישְׁטֶער הָאט זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ דִי גֶעשְׁרֵיי פוּן דִי אִידְן.........

פסוק: [ ]

**אַז** דֶער אֵייבִּישְׁטֶער וֶועט אוּנְז נֶעמֶען פַאר אַ פָאלְק.........

פסוק: [ ]

**אַז** דֶער אֵייבִּישְׁטֶער וֶועט גֶעבְּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאר דִי אִידְן.........

פסוק: [ ]

**אַז** מֹשֶׁה הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי אִידְן.........

פסוק: [ ]

**אַז** דִי אִידְן הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ מֹשֶׁה וֶועגְן דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט..

פסוק: [ ]

**אַז** מֹשֶׁה'ס לִיפְּן אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁטָאפְּט.........

פסוק: [ ]

**אַז** דֶער אֵייבִּישְׁטֶער הָאט גֶערֶעדְט צוּ מֹשֶׁה אוּן צוּ אַהֲרֹן.........

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

# צוּ אַ פַּאס

## פוּן דִי וָוארְט בִּיז דִי טַייטְשׁ

| | |
|---|---|
| וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם | אוּן אִיךְ וֶועל עֶנְק אוֹיסְלֵייזְן |
| וְהִצַּלְתִּי אֶתְכֶם | אוּן אִיךְ וֶועל עֶנְק אַרוֹיסְנֶעמֶען |
| וְגָאַלְתִּי אֶתְכֶם | אוּן אִיךְ וֶועל עֶנְק אַרַיין בְּרֶענְגֶען |
| וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם | אוּן אִיךְ וֶועל עֶנְק נֶעמֶען |
| וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם | אוּן אִיךְ וֶועל עֶנְק רַאטֶעוֶוען |

## צוּ אַ פַּאס צוּ דִי הֶמְשֵׁךְ

| | |
|---|---|
| וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם | בִּזְרוֹעַ נְטוּיָה |
| וְהִצַּלְתִּי אֶתְכֶם | לִי לְעָם |
| וְגָאַלְתִּי אֶתְכֶם | מִתַּחַת סִבְלֹת מִצְרַיִם |
| וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם | אֶל הָאָרֶץ |
| וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם | מֵעֲבֹדָתָם |

וָואס מַאכְט מֶען פֶּסַח בֵּיינַאכְט אַ רֶמֶז אוֹיף דִי לְשׁוֹנוֹת פוּן דִי גְאוּלָה?

- מ'פְרֶעגְט פִיר קַשְׁיוֹת
- מ'טְרִינְקְט פִיר גְלֶעזֶער וויין
- מ'צוּטֵיילְט דִי מִיטְלְסְטֶע מַצָה

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

בס״ד

## שְׁרַייבּ אַרַיין דִי אוֹתִיוֹת פוּן דִי תְּשׁוּבָה אִין זַיין שַׁאֲלָה

(דִי תְּשׁוּבוֹת אִיז אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע עַמּוּד)

וַוייל דִי טַייךְ
נִילוּס אִיז
גֶעוֶוען דִי
גֶעטְשְׁקֶע פוּן
דִי מִצְרִיִּים

וַוייל דִי וַואסֶער
הָאט אַכְטוּנְג
גֶעגֶעבְּן אוֹיף מֹשֶׁה
- אוּן וַוייל מֹשֶׁה
הָאט בַּאהַאלְטְן דִי
מִצְרִי אִין דִי זַאמְד

וַוייל דִי מִצְרִיִּים
הָאבְּן נִישְׁט גֶעלָאזְט
טְרִינְקֶען פַאר דִי
אִידְן פוּן דִי טַייךְ
נִילוּס נָאר פוּן דִי
בִּיסְל וָואס זֵיי הָאבְּן
זֵיי גֶעגֶעבְּן

וַוייל פַּרְעֹה הָאט
גֶעזָאגְט אַז וֶוען דִי
אִידְן דַאוֶוענֶען צוּ
דֶער אֵייבִּישְׁטֶער
גְרַאגֶערְט עֶס
אִיהֶם אִין קָאפּ

וַוייל זֵיי הָאבְּן
גֶעצְווּינְגֶען עֶלְטֶערֶע
אִידְן זָאלְן רַיין
מַאכְן דִי גַאסְן אוּן
סְ'הָאט זֵיי גֶעמַאכְט
שְׁטוּיבּ מִיט לַייְ

וַוייל דִי
מִצְרִיִּים הָאבְּן
גֶעשִׁיקְט דִי
אִידְן פַאנְגֶען
ווִילְדֶע חַיוֹת

וַוייל דִי מִצְרִיִּים
הָאבְּן גֶעצְווּינְגֶען
פַאר דִי אִידְן מַאכְן
אַ אַרְבֶּעט וָואס
בְּהֵמוֹת מַאכְן

וַוייל דִי מִצְרִיִּים
הָאבְּן נִישְׁט
גֶעלָאזְט פַאר דִי
אִידְן זִיךְ אָפְּוואשְׁן
נָאכְן אַרְבֶּעטְן

וַוייל דִי מִצְרִיִּים
הָאבְּן גֶעפַּיינִיגְט
דִי אִידְן זָאלְן
אֵיינְפְלַאנְצְן
בֵּיימֶער אוּן
ווַיינְגֶערְטֶענֶער...

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

# דִי תְּשׁוּבוֹת פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע עָמוּד

זֶוענֶען
דִי מִצְרִיִים
גֶעשְׁטְרָאפְט
גֶעוָוארְן מִיט
מַכַּת עָרוֹב

ע
ב

הָאט דֶער
אֵייבִּישְׁטֶער
בַּאשְׁטְרָאפְט
דִי עֶרְשְׁטֶע דִי
טֵייךְ אוּן נָאכְדֶעם
דִי מִצְרִיִים

מ
ק

הָאט מֹשֶׁה
נִישְׁט
גֶעשְׁלָאגְן
דִי וַואסֶער
אוּן דִי עֶרְד

ו
צ

זֶוענֶען
דִי מִצְרִיִים
גֶעשְׁטְרָאפְט
גֶעוָוארְן מִיט
מַכַּת דָם

ר
ר

זֶוענֶען
דִי מִצְרִיִים
גֶעשְׁטְרָאפְט
גֶעוָוארְן מִיט
מַכַּת דֶבֶר

ו
ד

זֶוענֶען
דִי מִצְרִיִים
גֶעשְׁטְרָאפְט
גֶעוָוארְן מִיט
מַכַּת בָּרָד

ש
ה

זֶוענֶען
דִי מִצְרִיִים
גֶעשְׁטְרָאפְט
גֶעוָוארְן מִיט
מַכַּת כִּינִים

ו
מ

זֶוענֶען
דִי מִצְרִיִים
גֶעשְׁטְרָאפְט
גֶעוָוארְן מִיט
מַכַּת צְפַרְדֵעַ

ו
ח

זֶוענֶען
דִי מִצְרִיִים
גֶעשְׁטְרָאפְט
גֶעוָוארְן מִיט
מַכַּת שְׁחִין

ה
ק

וֶועסְטוּ טְרֶעפְן פַארְוָואס דִי אִידְן הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ'ס רֵייד

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתיסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א – בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל – בני ברק

**טייערע יונגל, עס איז דא צושפרייט אותיות טרעף אויס די ווערטער:**

- ☐ וָאֵרָא
- ☐ פַּרְעֹה
- ☐ מִצְרַיִם
- ☐ מֹשֶׁה
- ☐ אַהֲרֹן

- ☐ וְהוֹצֵאתִי
- ☐ וְהִצַּלְתִּי
- ☐ וְגָאַלְתִּי
- ☐ וְלָקַחְתִּי
- ☐ וְהֵבֵאתִי

- ☑ דָם
- ☐ צְפַרְדֵעַ
- ☐ כִּינִים
- ☐ עָרוֹב
- ☐ דֶבֶר
- ☐ שְׁחִין
- ☐ בָּרָד

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| וְ | מֹ | שֶׁ | ה | הַ | וְ | צְ | וְ |
| בָּ | הֵ | כָּ | ב | לָ | רַ | פַּ | ה |
| רָ | ת | בֵּ | קַ | וֹ | ן | רְ | וֹ |
| ד | י | חְ | א | רֹ | ר | דֵ | צֵ |
| ם | תִּ | הַ | הֱ | תִ | בֶּ | עָ | א |
| יִ | לְ | אַ | ט | אָ | י | דֶ | תִ |
| רַ | צַ | וֹ | ה | עֹ | ר | פַּ | י |
| צְ | הִ | שְׁ | חִ | י | ן | אֵ | ב |
| מִ | וְ | ם | י | נִ | י | כִּ | וָ |
| מִ | דָ | י | תִּ | לְ | אַ | גָ | וְ |

**ווָעסְטוּ טְרֶעפְן אַ מִדָּה**
**וָואס מ'לֶערְנְט אַרוֹיס דִי וָואךְ:**

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | | |

**פוּן וואוּ לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס דִי מִדָה?**

- ☐ פוּן אַהֲרֹן וָואס עֶר אִיז מִיט גֶעגַאנגֶען מִיט מֹשֶׁה
- ☐ פוּן מֹשֶׁה אַז עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּ פַּרְעֹה
- ☐ פוּן מֹשֶׁה אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעשְׁלָאגְן דִי וַואסֶער אוּן דִי עֶרְד

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# שַׁאֲלוֹת אוֹיף פַּרְשַׁת וָאֵרָא

מַאךְ אַ סִימָן בַּיי דִי רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה

וֶוער הָאט גֶערֶעדְט שְׁטְרֶענְגֶע רֵייד?

◇ דֶער אֵייבִּישְׁטֶער

◇ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ

◇ פַּרְעֹה

צוּ וֶועמֶען הָאט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער גֶערֶעדְט שְׁטְרֶענְגֶע רֵייד?

◇ צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ

◇ צוּ אַהֲרֹן

◇ צוּ פַּרְעֹה

פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער גֶערֶעדְט שְׁטְרֶענְגֶע רֵייד צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ?

◇ ווייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ עֲרַל שְׂפָתַיִם

◇ ווייל עֶר הָאט גֶע'הַרְגֶ'עט אַ מִצְרִי

◇ ווייל עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דֶער אֵייבִּישְׁטֶער לָמָּה הֲרֵעוֹתָה

פוּן וֶועלְכֶע וָוארְט לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס אַז דֶער אֵייבִּישְׁטֶער הָאט גֶערֶעדְט שְׁטְרֶענְגֶע רֵייד צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ?

◇ וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל מֹשֶׁה

◇ וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי ה'

מִיט וֶועלְכֶע נָאמֶען בַּאוַוייזְט זִיךְ דֶער אֵייבִּישְׁטֶער וֶוען עֶר זָאגְט צוּ אַ הַבְטָחָה?

◇ אֵ-ל שַׁ-דָ-י

◇ יְ-הֹ-וָ-הֵ

מִיט וֶועלְכֶע נָאמֶען בַּאוַוייזְט זִיךְ דֶער אֵייבִּישְׁטֶער וֶוען עֶר אִיז מְקַיֵּים זַיין הַבְטָחָה?

◇ אֵ-ל שַׁ-דָ-י

◇ יְ-הֹ-וָ-הֵ

וָואס הָאט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט?

◇ זַיין בּוּנְד

◇ דִי גֶעשְׁרֵיי

וָואס הָאט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער צוּגֶעהֶערְט?

◇ זַיין בּוּנְד

◇ דִי גֶעשְׁרֵיי

וָואס הָאט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער גֶעדֶענְקְט?

◇ זַיין בּוּנְד

◇ דִי גֶעשְׁרֵיי

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# שַׁאֲלוֹת אוֹיף פַּרְשַׁת וָאֵרָא

מַאךְ אַ סִימָן בַּיי דִי רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה

פַאר וֶועמֶען הָאט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער גֶעשְׁוואוֹירְן אַז עֶר וֶועט גֶעבְּן פַאר דִי אִידְן אֶרֶץ כְּנַעַן?

◇ פַאר אַבְרָהָם אוּן פַאר מֹשֶׁה

◇ פַאר יַעֲקֹב אוּן פַאר יוֹסֵף

◇ פַאר אַבְרָהָם אוּן יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב

פַארְוָואס הָאבְּן דִי אִידְן נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ מֹשֶׁה?

◇ וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ עֲרַל שְׂפָתַיִם

◇ מִקוֹצֶר רוּחַ וּמֵעֲבוֹדָה קָשָׁה

◇ וַוייל עֶר הָאט גֶע'הַרְגֶ'עט אַ מִצְרִי

וֶוער אִיז גֶעוֶוען חָשׁוּבֶער, מֹשֶׁה אָדֶער אַהֲרֹן?

◇ מֹשֶׁה

◇ אַהֲרֹן

◇ בֵּיידֶע דִי זֶעלְבֶּע חָשׁוּב

פוּן וואוּ לֶערְנְט מֶען עֶס אַרוֹיס?

◇ וַוייל דֶער אֵייבִּישְׁטֶער הָאט גֶערֶעדְט צוּ בֵּיידֶע

◇ וַוייל אַפָּאר מָאל שְׁטֵייט קוֹדֶם מֹשֶׁה אוּן אַפָּאר מָאל שְׁטֵייט קוֹדֶם אַהֲרֹן.

◇ וַוייל בֵּיידֶע זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ פַּרְעֹה.

אַוואוּ הָאט מֹשֶׁה גֶערֶעדְט מִיט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער?

◇ אִין מִצְרַיִם

◇ אִינְדְרוֹיסְן פוּן מִצְרַיִם

◇ בַּיי פַּרְעֹה'ס שְׁטוּב

פַארְוָואס נִישְׁט אִין מִצְרַיִם?

◇ וַוייל מֹשֶׁה הָאט מוֹרֶא גֶעהַאט פוּן דִי מַכּוֹת

◇ וַוייל אִין מִצְרַיִם זֶענֶען גֶעוֶוען פוּל מִיט גֶעטְשְׁקֶעס

פוּן וֶועלְכֶע שֵׁבֶט זֶענֶען גֶעוֶוען מֹשֶׁה מִיט אַהֲרֹן?

◇ פוּן שֵׁבֶט רְאוּבֵן

◇ פוּן שֵׁבֶט לֵוִי

◇ פוּן שֵׁבֶט יוֹסֵף

וֶוען הָאט דִי שְׁטֶעקְן פוּן מֹשֶׁה אֵיינְגֶעשְׁלוּנְגֶען דִי שְׁלֶענְג פוּן דִי כִּישׁוּף מַאכֶערְ'ס?

◇ וֶוען ס'אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ שְׁלַאנְג

◇ נָאךְ וָואס ס'אִיז צוּרִיק גֶעוָוארְן אַ שְׁטֶעקְן

ווִיפִיל פְרֶעשׁ זֶענֶען אַרוֹיס פוּן דִי טַייךְ?

◇ אֵיינְס

◇ אַלֶע פְרֶעשׁ

◇ דִי עֶרְשְׁטֶע מִיט דִי לֶעצְטֶע